UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Yunge Libe/ Young Love

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/83w4209j

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

**Author**
Jacob Friedman, Yankl Fridman/

**Publication Date**
1980

**Copyright Information**
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יאַנקל פרידמאַן

# יונגע ליבע

(פראַגמענט פון מיינע זיכרונות)

## אַ בלימל-טאָג אין ביאַליסטאָק

היינט איז אַ בלימל-טאָג אין ביאַליסטאָק. יונגע בחורים און די אין קאַנט באַרימטע ביאַליסטאָקער קראַסאַוויצעס לויפן אום פריילעכע אויף די גאַסן און אַרום שטאָט-זייגער, באָטן אָן די פאַרבייגייער צו קויפן אַ בלימל לטובת דעם יידישן שפּיטאָל. ווער עס נעמט אַ בלימל באַקומט פון דער שיינהייט אַ וואַרעמען שמייכל. אָן אַ זייט שטייט דאָס פרעמדע ישיבה-יינגל, הערשל קאָסאָווער, און עס געפעלט אים שטאַרק וואָס דאָ קומט פאָר. ער וואָלט אַליין אַ בעלן זיין העלפן דעם יידישן שפּיטאָל, ווו מען היילט אומזיסט אָרעמע קראַנקע, נאָר ווי קומט ער, אַ פרעמד יינגל אין חסידישער קליידונג אין דעם פריילעכן אָנגעלויף? ער ווייסט, אַז נאָך אַזאַ יום-טוב-טאָג אין שטאָט איז אין אָוונט אַ „גוליאַניע אין שטאָט-גאָרטן, מ'לאָזט פייערווערק, די יוגנט שפּאַצירט אין די גאָרטן-אַלייען און די וואָס געפעלן זיך באַשיטן זיך איינער דעם אַנדערן מיט קאָלירטן קאָנפעטי. נאָר דער עיקר פאַר אים איז דער זעלנערשער אָרקעסטער פון סודזעלסקן פּאָלק, וועלכער שפּילט אין אַזוינע אָוונטן אין גאָרטן. ער וואָלט שווערן, הערשל, אַז דער קאַפּעלמייסטער מיט די שמייכלדיקע פאַרקיילעכטע וואָנצעס, איז אַ ייד, אַנדערש, ווי קומט ער שפּילן יידישע מעלאָדיעס ווי „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", „אלי אלי" און ענלעכע ניגונים וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פון זיין גרויסער שוועסטער אין דער היים? און אָט דער מיטן קלאַרנעט איז דען ניט קיין ייד? אַז אָט לאַכט זיין קלאַרנעט און אָט וויינט ער. און יענער מיטן טרומפּייט איז אַוודאי אַ ייד, אַניט ווי קאָן ער אַזוי באַהאַרצט שפּילן סאָלאָ אין אלי אלי?

היינט, נאָכן פאַרנאַכטיקן שיעור אין ישיבה אויף די ברייטע פּיאַסקעס, האָט הערשל גאָר פאַרגעסן אַז ער דאַרף גיין וואַרעמעס עסן אויף זיין זונטיקדיקן טאָג. אַרום הילצערנעם פּאַרקאַן פון שטאָט-גאָרטן זייענען שטענדיק פאַראַן יונגע בעלנים אויף אַריבערשפּרינגען, און פאַרן חסידישן יינגל האָט זיך אַלע מאָל געפונען ווער אונטערצושטעלן אַן אַקסל. אין גאָרטן נאָכן בלימל-טאָג איז גאָר פריילעך, אַ יונגער געלעכטער קלינגט פון די טונקעלע אַלייען, ערגעץ האָט עס הערשלען אַ צופּ געטאָן, דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט און ער איז ווי צוגעשמידט געוואָרן צו דער עסטראַדע. אָט איז אַ מאַרש, וואָס איז אַזוי ענלעך צום שלוש סעודות ניגון אין קאָסאָווער גערער שטיבל, און אָט פאַרגייט זיך דער קלאַרנעט: „גאָט און זיין משפּט איז גערעכט"—אַ ניגון וואָס טראָגט אים אַהיים. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אין דער פרעמד, דאַרף עסן יעדן טאָג אין אַן אַנדער הויז, הונגערט צוביסלעך אונטער און שלאָפט אין קהל-שטיבל אויף אַ באַנק אויסגעבעט מיט טישטעכער און טליתים. ער איז באַהערשט פון דער מוזיק און ס'איז אים אין דער מינוט אפילו פריילעך אויפן געמיט ווי אַלע אַנדערע יונגע מענטשן אין גאָרטן.

## פלאַקער, פייער, פלאַקער

די שטאָטישע פייערלעשער — ביאַליסטאָקער יידישע בחורים — האָבן באַזונדערס אויסגענומען אין הערשלס אויגן. אַ קלייניקייט, יונגע שטאַלטנע יידן אָנגעטאָן אין שיינענדיקע מונדירן, מאַרשירן אין די גאַסן מיט אַן אייגענעם אָרקעסטער, בראש מיט זייער קאָמאַנדיר מאָטל אָסטרינסקי, און זייענען אַזוי בראַוו און מוטיק, ווען מ'דאַרף אָפּראַטעווען יידישע הייזער פון אַ שריפה. היינט שפּילט אין גאָרטן אויך דער פייערלעשער אָרקעסטער. לויפט הערשל פון איין עסטראַדע צו דער אַנדערער אין פריידיקער רעגונג. פּלוצים דערהערט ער פון קלאַרנעט אַ גאָר באַקאַנטן ניגון: „פלאַקער, פייער, פלאַקער, שפּילט אונדז פריילעך צו." דאָס

פלעגט זיין שוועסטער ביילע זינגען, ווען אירע חברטעס פלעגן זיך צונויפקומען ביי זיי אויפן בוידעם־שטיבל שבת בייטאָג בעת דער טאַטע איז געגאַנגען אין בית המדרש לערנען פאַר די יידן „משניות און חיי אָדם". די חברטעס פלעגן אויך טאַנצן אַ לאַנסע, אַ פּאַדיספּאַן. זיי האָבן געזונגען און ער האָט אַקאָמפּאַנירט מיט אַ לעפל אויף אַ פּאַן.

די הענט זיינע צעפּאַכען זיך דאָ לויטן ריטם פון „פלאַקער פייער". דאָס חסידיש היטל פאַלט אים אַראָפּ און עס צעווינטיקן זיך זיינע געדיכטע לאָקן. צוויי מיידלעך גייען פאַרביי און איינע מיט צוויי דיקע צעפּ פאַרפלאָכטן מיט בלויע לענטעס, באַשיט אים מיט קאָנפעטי. אַ צעטראָגענער זעט הערשל ווי די מיידלעך שמייכלען, זיי חוזקן אַוודאי פון אים, טראַכט ער. עס טוט אים וויי, מען האָט אים צעשטערט די פרייד פון „פלאַקער פייער". נאָר אָט גייען די מיידלעך אים ווידער פאַרביי און די זעלביקע מיט די צעפּ באַוואַרפט אים ווידער מיט קאָנפעטי. דאָס מאָל פאַרהאַלט זי זיך אַ וויילע און שמייכלט צו אים פריינדלעך. זי האָט גרויסע אויגן און אַ ברייטן ווייסן שטערן, און זייער אַ שיינע. דער פּאַרדרוס אין אים איז מיט אַ מאָל אויסגערונען, און אַ וואַרעם געפיל האָט אים באַהערשט.

## אַ ווייסע רויז

ס'איז געווען אַן אָנגענומענער שטייגער אין דער ישיבה ניט צו לאָזן אויף הפקר אַ גוטן „טאָג" נאָר אים איבערגעבן צו אַן אַנדערן פון די פרעמדע יונגע תלמידים. אויף דעם וועג איז הערשלען צוגעפאַלן אַ „זונטיק" ביים גביר מאַרקוס גאָרדאָן. לכתחילה האָט ער קיין חשק ניט געהאַט צו אַזאַ גבירישן „טאָג", ווו מען האָט געדאַרפט דורכגיין אַ טויער מיט אַ וואַכמאַן. אים איז מער ניחה געווען דער „טאָג" ביי זאַוול שניידער אויף כאַנייקעס, וווהין ער האָט זיך געפעדערט קומען פאַר פריער, כדי צו הערן די געזעלן זינגען „אין געזאַלצענעם ים", „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט" און ווו דער געזעלן בערטשי,ק מיטן שראַם אויפן שטערן, וואָס ער האָט באַקומען אין אַ געשלעג מיט די פּאָגראָמטשיקעס אויף סוראַזשער גאַס, האָט זיך מיט אים שטענדיק פריינדלעך אויסגעטענהט. נאָר דערציילט האָט מען, אַז יעדן פורים שטייט אַ ייד אין גאָרדאָנס הויף מיט אַ קעשענע געלט און טיילט אַלעמען נדבות. און נאָך עפּעס, לעצטן שבועות, ווען מען האָט אין דער ישיבה געלערנט אַ גאַנצע נאַכט, איז אויך פרוי גאָרדאָן געווען צווישן די פרויען וואָס האָבן געבראַכט קעז־קוכנס פאַר די תלמידים.

צוויי פרויען האָבן באַדינט גאָרדאָנס היים; די עלטערע, באַשע, איז געווען די פּאָקויאָווע, און די יינגערע, אסתר, די קעכין. הערשל האָט גאָר אויסגענומען אין גאָרדאָנס קיך. אסתר פלעגט אים אָנפילן די קעשענעס מיט שפּייז. „וויי, וויי, אַ ייִנגל אין דער פרעמד", האָט זי מאַמעדיק געמורמלט דערביי. איין מאָל, נאָך וואַרעמעס, האָט אסתר אים געבעטן אָנשרייבן אַ בריוול צו איר חתן, אַ סאָלדאַט אין קאַלוגע. הערשל האָט עס גערן געטאָן: „מיין טייערער יאַסיק — האָט ער דאָס בריוול פאַרענדיקט — איך בין זייער צופרידן פון דיין שרייבן, אַז דו שפּילסט אין דער מוזיקאַנסקער קאָמאַנדע. אַנומעלטן האָט דאָ, אויף נאַוואַליפּע גאַס, געמאַרשירט דער סודזעלסקער פּאָלק מיט מוזיק, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך זע דיך, מיין ליבער יאַסיק, צווישן די מוזיקאַנטן. איז מיר אויפן האַרצן געווען אי זיס, אי שווער. מיט דעם געפיל לעב איך, און וואַרט אויף דיר. דיינע אויף אייביק, אסתר סלאָנימסקי."

ווען הערשל האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, האָבן ביידע דינסטן זיך געווישט די אויגן. „וואָס זאָל איך טאָן פאַר דיר", האָט אסתר געשעפּטשעט מיט געפיל.

„ביי אייך דאָ אין גאָרטן וואַקסן שיינע בלומען, רייסט מיר אָפּ איינע" — האָט ער געבעטן.

אסתר האָט זיך געחידושט, וואָס דאַרף אַ ישיבה־ייִנגל בלומען? נאָר זי איז אַריין אין גאָרטן, אָפּגעריסן אַ שיינע, ווייסע רויז, זי פיין איינגעוויקלט און אים געגעבן. הערשל האָט באַדאַנקט, די בלום באַהאַלטן הינטער דער קאַפּאָטע, און מיט דעם אַוועק אין שטאָט־גאָרטן, ווו ס'איז

יענעם אָונט אויך געווען אַ „גוליאַניע“. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק אין אַן אַלייע און געוואַרט אויף דער מיידל מיט די צוויי דיקע צעפּ. ער איז געווען זיכער אַז זי וועט זיך דאָ ווייזן. ווען זי איז אָנגעקומען מיט איר חברטע, האָט ער איר דערלאַנגט די רויז. „דאָס איז פאַר די קאָנפעטי“, האָט ער איר שטיל געזאָגט. אַן איבערראַשטע האָט דאָס מיידל געגנומען די בלום, אַראָפּגענומען זיין היטל, אַ גלעט געטאָן זיינע האָר און אים אַ קוש געטאָן.

ווען ער האָט זיך אויסגעבעט אין קהל־שטיבל אויף אַ באַנק מיט טליתים און טישטעכער, איז ווי פאַרלוירן געגאַן זיין שטענדיקע אַנגסט פאַר די יאָרצייט־ליכט און זייערע שאָטנס אויף די ווענט. אַ וואַרעמקייט האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט יונג בלוט. מיט דער האַנט אויף דער באַק וווּ דאָס מיידל האָט אים אַ קוש געטאָן איז ער איינגעשלאָפן.

## אַ טערמאָמעטער

הערשל קאָסאָווער האָט שוין געהאַט אַ שטיקל אַנונג וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער ביאַליסטאָק. ער האָט אפילו געוווּסט פון אַ חברה „מפיצי השכלה“, אָנגעפירט פונעם לערער יחזקאל קאָטיק מיטן פאַרשוירענעם בערדעלע, וועמענס פרנסה — האָט מען געזאָגט — איז צוגרייטן רייכע ייִנגלעך אין רעאַל גימנאַזיע, וווּ ווייניק יידן אפילו מיט די בעסטע צייכנס קענען אָנקומען. נאָר אַמנאָענטסטן איז הערשלען געווען דער לינת הצדק אויף גומיענער גאַס, וואָס האָט באַזאָרגט קראַנקע מיט „לינת“, נאַכט וואָלונטירן, און מכשירים אין וועלכע אָרעמע חולאים האָבן זיך געניטיקט. אויף קיין „לינה“ האָט מען קיין ייִנגלעך ניט געשיקט, נאָר עפּעס באַזאָרגן צו אַ חולה, פאַר אַ גאַנג, איז דער קאָסאָוועס שטענדיק גרייט געווען, און שמשון, דער פאַרוואַלטער — אַ געוועזענער ישיבה־בחור, האָט עס אָפּגעשאַצט און אים גערן געהאַט. דאָס מאָל האָט שמשון זיך גאָר דערפרייט מיט הערשלען. מען דאַרף ברענגען אַ טערמאָמעטער פאַר אַ קראַנק קינד אויף יוראָוועצער גאַס, בעט ער דעם קאָסאָוועס דאָס באַזאָרגן.

הערשל האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון אַן אָרעם שטיבל. אַ פרוי מיט אַ פאַרצערט פנים האָט געעפנט. „מיין חוהלע איז נישט געזונט, זאָל גאָט דיר בענטשן, זונעלע, פאַר ברענגען דעם טערמאָמעטער“. זי האָט פּרובירט מיט דעם די היץ פון דער קראַנקער אין בעט, פאַרשטעלט פון הערשלס אויגן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס פנים פון דער מאַמען אויפגעלויכטן: „נו אַ דאַנק און אַ לויב, די היץ איז אָפּגעטראָטן. זיי אַזוי גוט, זונעלע, וואַרט צו אַ ווײַלינקע, כ'וועל אַריינלויפן אין קרעמל.“

ערשט איצט האָט הערשל דערזען די קראַנקע. עס זיינען אים קענטלעך געווען די בלויע לענטעס אין די צעפּ פאַרוואָרפן אויפן קישן. אויך זי האָט אים דערקענט און אירע אויגן האָבן געשמייכלט צו אים. ער האָט געפילט אַז זי רופט אים צו זיך.

„איך בין אייך עפּעס שולדיק“ — האָט ער געזאָגט און אַ פאַרציטערטער איר אַ קוש געטאָן.

„ווי רופט מען אייך?“ — האָט זי געפרעגט.

„הערשל, איך לערן אין ישיבה אין דער צווייטער כיתה. און אייך רופט מען חוה, ס'אַראַ שיינער נאָמען!“

זי האָט אַראָפּגענומען זיין היטל, געגלעט זיינע האָר. „ווען דו ווייסט אַז דאָס בין איך קראַנק, וואָלסטו אוודאי ניט געקומען.“

„יאָ, חוה, איך וואָלט נישט דאַרפן קומען, ווייל זינט יענעם קוש אין גאָרטן בין איך סיי ווי שטענדיק מיט דיר“ — האָט ער גערעדט צאַרט.

אַ טרער האָט אַ בליאַסק געטאָן אין דער מיידלס אויגן. זי האָט צוגעצויגן זיין קאָפּ צו איר הייס פנים, שטיף געהאַלטן זיין האַנט, און ער האָט דערפילט דעם באַריר פון איר קליינער האַפּטיקער ברוסט. זי האָט פריי געלאָזט זיין צעהיצט פנים ווען ס'האָבן זיך געהערט טריט פון דער מאַמען. „ביזט אפשר הונגעריק, נעם זיי עפּעס טועם“ — האָט די מאַמע געבעטן.

„ניין, כ'בין ניט הונגעריק, אַ שיינעם דאַנק“ — האָט ער געזאָגט. ער האָט געזען אַ טרער אין חוהס אויגן און אויף יענער זייט טיר זיך צעוויינט.

פון יוראָוועצער גאַס איז הערשל ניט געגאַנגען גלייך אויף זיין נאַכטלעגער אין קהל־שטיבל. אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז פון חוהס היים קוקט מען אים נאָך צו זען וווהין ער גייט נעכטיקן. ער האָט זיך פאַרקערעוועט אויף ניקאָליִיעווסקי, ווו יוטגוואַרג, אויך שילער און שילערינס אין אוניפאָרמען, האָבן שפּאַצירט פריילעכע אין סוף זומערדיקן אָוונט. ער האָט זיך געחידושט, זעענדיק ייִנגלעך און מיידלעך געאָרעמט. איז עס מעגלעך אַז אויך אים, אַ ייִנגל וואָס עסט „טעג“, טראָגט אַ חסידיש היטל, האָט אַ מיידל ליב? אַ וואַרעמקייט איז דורך זיינע ביינער און אַ פאַרטראַכטער אין פאַרנעפּלטע מחשבות איז געגאַנגען היין און צוריק אויף וואַשילקאָווער גאַס. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אויך ער איז אַ טייל פון אָט דער פריילעך גליקלעכער יוגנט. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ צייט אַרום שטאָטזייגער. ס׳האָט אים ניט געצויגן אין קהל־שטיבל צום שלאָפן. דאָס טראַכטעניש וועגן הווהן איז אים ליב געווען, און אַ מורא האָט אים באַהערשט מיטצונעמען אָט די מחשבות זיינע אין קהל־שטיבל, וואָס איז פול מיט ספרים, טליתים, יאָרצייט ליכט און ספר תורות אין אָרון קודש.

## וועגן רעצענזיעס

שרייבערס און פאַרלעגערס וואָס וואָלטן געוואָלט אַז זייערע ביכער זאָלן רעצענזירט ווערן אין „חשבון“, דאַרפן אַריינשיקן זייערע ביכער צו דער רעדאַקציע פון „חשבון“.


# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון זיינע צווייגן פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

THE WORKMEN'S CIRCLE

1619 So. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007